# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן

פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

מכון טעמו וראו

גילוי רצון ה' למעשה

• גיליון סג - פר' נח תשפ"א •


## • תיבת נח אין היינטיגע צייטן • תיבת נח נאכן מבול • תיבת נח א פליכט אדער א ציל

די וואכעדיגע סדרה געפונען מיר א אינטערסאנטע זאך א תיבה וואס קוקט טאקע אויס אינדרויסנדיג א טבע'דיגער חפץ מיט פונקטיליכע אנווייזונגען ווי אזוי צו בויען בדרך הטבע עצי גופר און פונקטליכע מאס און אזוי ווייטער, אבער אז מען קלערט אריין טיפער זעהט עפעס אינגאנצען א למעלה מדרך הטבע'דיגע זאך ! די מבול מאכט חרוב און צו אויס דעם גאנצן יקום די שטערקסטע איתני הבריאה און אפילו ביז דריי טפחים עומק המחרישה ווערט חרוב ונחרב און נאר אט דער קליינער קאסטן שווימט זיך געמיטליך אין די שטארקע שווערע רעגנס ? דאס איז טייטש אז דער תיבה איז אינגאנצען נישט קיין דבר טבעי נאר א צורה פון השתדלות בדרך הטבע.

נאך איין זאך האט דער תיבה געטוהן פון איין זייט געדינט אלס מחיצה פון אינדרויסן אפגעטיילט פון די מענטשן וואס זענען אינדרויסן און צווייטנס געשוצט אויף די וואס געפונען זיך אינעווייניג אין די תיבה.

דריטנס איז זייער אינטערסאנט נאכן ניצן די תיבה טייטש נאכן מבול דער רבש"ע זאגט פאר נח און זיינע קינדער ארויסגיין פון די תיבה, געפונען מיר נישט אז מען האט נאך געניצט די תיבה טראץ עס איז א שיינער בנין מען האט שווער געארבעט דערויף אבער מען ניצט דאס שוין נישט, דאס מיינט אז דער תיבה איז א אמצעי אין נישט קיין מטרה כל זמן מען האט געדארפט צוקומען צו דעם האט מען גענוצט אבער נאכדעם דארף מען שוין נישט.

לאמיר אריבער גיין צו אונזער תיבת נח אין אונזער וועלט דאס איז א פארשטענדליכע זאך אז די וועלט איז א בחינה פון א מבול, א מבול פון גשמיות א מבול פון כפירה א מבול פון תאוות און אזוי ווייטער.

און די מתנה וואס דער אייבישטער האט געגעבן פאר אונז אידישע קינדער אונז זענען ארום גענומען מיט תיבת נח, די משפחה, די קהילה, בית המדרש, ישיבה, חבורה, און אזוי ווייטער, יעדע זאך פאר זיך איז א בחינה פון תיבת נח וואס נעמט ארום די מענטש און היט איהם אפ פון די מבול ארום און ארום,

א איד גייט אין בית מדרש אריין גייט ער אריין אין תיבת נח און ווערט אפגעהאקט פון די דרויסנדיגע מבול בפרט אז א איד נעמט די שאטארקייט און פארקנאקט פארמאכט זיין סעלפאן ווערט ער אינגאנצען אפגעהאקט פון די וועלט אינדרויסן און גייט אריין מיט זיינע רמ"ח איברים און שס"ה גידים אין די תיבה, אזוי אויך א איד געהערט צו א געוויסע קהילה, חצר, ישיבה וכו' דאס שיצט אויף איהם פון די מבול אין דאס אלט דער מענטש אין זיין רוחניות ער זאל נישט אומקומען אין די דרוסנדיגע וועלט מבול אזוי אויך יעדע מנהג טוב מנהגי ישראל אדער חסידישע מלבוש און דאסגלייכן איז אלעס א בחינה פון תיבת נח בזמנינו. א גדר וסייג וואס גיבט אפבאכט די מענטשן פון אריינפאלן אין מבול אין באהעפט איהם צום הייליגן באשעפער.

אבער מען דארף געדענקען צוויי זאכן קודם כל פונקט ווי תיבת נח איז נאר א השתדלות אין האט בשום אופן נישט געקענט ארבעטן בדרך הטבע אזוי אויך איז די אלע פעולות לטובה ווי מנהגים גדרים וסייגים און אפילו קהילה און בית המדרש איז נאר א השתדלות פון ווערן אפגהיטן פון די דרויסנדיגע וועלט אבער א וודאי פאדערט זיך אסאך תפילות מיט בקשה פונעם הייליגן באשעפער מען זאל ווערן אפגעשיצט פונעם שווערן כפירות'דיגן מבול, ווייל על פי דרך הטבע איז נישט שייך זיין אפגעהיטן דער מבול אינדרויסן איז אסאך שטערקער אין שווערע נאר צוזאמען פון תפילות אין בקשות

מיט השתדלות פון א תיבה, קהילה חבורה גוטע מנהגים איז בכח שיצען דעם מענטש פונעם שווערן מבול.

נאך אזאך וואס מיר לערנען פון פרשת השבוע אז א מענטש זאל נישט טראכטן ביי זיך שלום עלי נפשי איך בין בארואיגט און מסודר איך האב א קהילה א ישיבה א ביהמ"ד איך בין אין תיבה וואס שיצט אויף מיר זאגט צו איהם די הייליגע תורה , ניין ! דעס אלעס איז זייער פיין אבער געדענק ! דאס איז נאר א אמצעי נאר א מיטלער ווי אזוי זיך ראטעווען פון די מבול אינדרויסן אבער די תיבה האט א מטרה די מטרה אז ווען מען גייט ארויס פון די תיבה זאל מען קענען לעבן נישט און א מציאות פון א מבול.

מיט אנדערע ווערטער די קהילה, ישיבה, ביהמ"ד האט א פליכט פון שיצן דעם מענטש און אפאקען פון די דרויסנדיגע מבול וועלט, אבער די ציל און די מטרה איז אז ווען מען גייט ארויס פון די תיבה לעבט מען אין א וועלט אן א מבול. דאס הייסט אז נישט נאר ווען דער מענטש געפונט זיך אין דעם תיבה איז ער אפגעשיצט נאר אויך ווען ציווי השם איז צא מן התיבה, איז אזוי ביי נח מען איז ארויס פונעם תיבה ניצט מען שוין נישט די תיבה טראץ עס איז זייער א שיינער בנין, אבער עס איז נישט קיין עיקר די עיקר וואס עס האט אויפגעטוהן.

ווען א מענטש דארף ארויסגיין צו אמאל און די גאס צום ארבעט וכדו' דאס איז א בחינה פון באשעפער'ס באפעל צא מן התיבה, גייט ער ארויס צו א וועלט אן קיין מבול פון די כח וואס ער איז געווען אין די תיבה אפגעשיצט און דאס איז נאר ווען א מענטש ווייסט אז די תיבה האט געהאט א געוויסע מטרה אין נישט אז דער תיבה איז געווען די עיקר, אזוי אויך די היינטיגע תיבה די מנהג די גדר וסייג אין אפילו ביהמ"ד האט א מטרה פון בייהעפטן דעם

מענטש צו אביו שבשמים אין שיצן פון מבול אבער נישט אז דער מנהג טוב וכו' איז א עיקר ווייל דעמאלסט דינט א מענטש די תיבה און נישט די תכלית פונעם תיבה

אזוי אויך זאל א מענטש נישט טראכטן דער עיקר איך האב דער געוויסער מנהג דער געוויסער גדר וסייג אין דאס איז א עיקר און דאס איז די גאנצע זאך געדענקען אז די תיבה איז נישט די עיקר דאס איז נאר א כלי ווי אזוי זיך צו שיצן, ווען א מענטש טראכט אז זיין גדר וסייג איז דער עיקר פארגעסט ער פונעם עיקר תכלית פון די תיבה און אוודאי געוויס ווי מען האט שוין געזאגט אז מיט די גדרים און סייגים און אלע פעולות וואס זענען געגליכן צום תיבת נח דארף מען נאך צוקוצמען צו תפילה ותחנונים צו הקב"ה ווייל אלמלא הקב"ה עוזרו אין יכול לו .

זאל דער רבש"ע העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו זיין באשיצט פון די דרויסידיגע מבול מבול הגשמי און שטענדיג זיין דבוק ומקושר צו הקב"ה אין היילקייט אמן.

## • דער מענטש א עולם קטן • תיבת נח אין דער מענטש אליין • יעדע זאך האט זיין פלאץ

א אינטערסאנטע זאך געפונען מיר די וואכעדיגע סדרה מיר ווייסן אז עס איז געווען א הייליגער בנין דער בנין בית המקדש מיטן קודש קדשים וואס עס איז געווען וראה ועשה בתבניתם געבויט מיט פונקטליכע אנווייזונגען ווי עס ווערט דערמאנט אין תורה"ק און אין דברי נביאים .

און די וואך געפונען מיר א לכאורה פשוטער בנין א תיבה א האלצערנע תיבה און דא אויך גיבט דער רבש"ע פונקטליכע אנווייזונגען און מאסן ווי אזוי צו בויען דעם קאסטן, דריי שטאק אין צימערן וואס א מינע האלטץ ווי לאנג, ברייט , און אזוי ווייטער.

נאר פארוואס ווייל די מטרה פון דעם רבש"ע אז דער בנין דער תיבה זאל בויען א וועלט עס איז נישט סתם א פלענער בנין דאס האט א געוואלדיגע ציל פון איבער לאזן און וועקשטעלן א נייער וועלט.

ווי געפונען מיר דעם תיבת נח אין דע מענטש אליין ? מיר ווייסן אז די גאנצע וועלט איז פיל מיט חיידקים (באצילן- דשערמז) און באקטעריעס און פארשידענע קליינטשיגע בעלי חיים וואס פילן אן די לופט פון די גאנצע וועלט און קענען שעדיגן פאר די מענטש'ס לעבן, אבער דער מענטש פארמאגט אין זיך כוחות וואס זענען זיך מתנגד פאר האט די אלע מזיקים ומרעין בישין און ווען א מענטש איז געזונט און זיין שטארקייט סיסטעם (מערכת חיסונית) איז אין ארדענונגג ווערט ער אפגהוטן פון די אלע באצילן מיט באקטעריעס און זיינע כחות המנגדים שטייען אנטקעגן די אלע שטערונגען אזוי אויך די אלע וויטמינים און געזונטע עסן וואס א מענטש לייגט אריין אין זיין קערפער שאפט ער נוגדנים (אנטיבאדיעס) קעגן די אנגעפילטע וועלט מיט אלע מרעין בישין .

אזוי אויך איז אין רוחניות א איד מיט עצם זיין א אידיש קינד בן ישראל איז ער א נוגד די וועלט די גשמיות'דיגע וועלט מיט זיין אמונה מיט זיין מצוות אין מע"ט ווערט ער א קעגענער פון די וועלט וואס רופט אויס כפירה בה' אפילו א גוי וואס זיך מגייר און ווערט א חלק פון כלל ישראל ווערט ער אטאמאטיש א נוגד א קעגענער צו די וועלט און פארקערט פון די וועלט.

קומט אויס אז יעדער איד איז בעצם א תיבת נח !! וואס גייט קעגן די מבול ארום און ארום , די תיבה האט געהאט אין זיך 3 שטאק ווי האט דער מענטש דריי שטאק כידוע עס איז ידוע אז יעדער מענטש פארמאגט אין זיך דריי כוחות איינס איז חב"ד וואס דאס איז די מוחין פון א מענטש, עס איז פאראן חג"ת און נהי"ם (**חסד** **גבורה** **ת**פארת **נ**צח **הוד** **יסוד** **מ**לכות) וואס זיי זענען די מדות טבעים און כוחות פון א מענטש.

מען ווערט עס ארפברענגען געשמאקער מען וועט פרעגן א איד וואס דו האסט נישט מיט די וועלט ? דו האסט נישט קיין מדות רעות דו האסט נישט קיין חיות רעות האסט נישט קיין גשמיות'דיגע ענינים וכדו' ? די תשובה פארדעם איז יא ! איך בין תיבת נח ! א איד האט אויך אין זיך מדות רעות וואס דאס איז געגליכן צו די חיות רעות אבער דאס איז אזוי ווי די חיות אין די תיבת נח, עס איז פאראן חיות אין די וועלט ארום און ארום אבער עס איז פאראן חיות אין תיבה די פסוק זאגט קינים תעשה לתיבה די חיות זענען דא אבער יעדער אין זיין צימער אין זיין קאמער, זיי האבן א בעל'באס וואס פירט זיי אין שולט אויף זיי.

אין תניא קדישא איז מבואר אז א בינוני ער האט אלע מידות רעות אבער ער פארעט זיך מיט זיי ווען ער דארף זיך צו פארען אין זיי איינשטילן, איינע פון די זאכן וואס דער יצר הרע שלאגט זיך מיט א איד ווען ער קומט אריין אין ביהמ"ד ער גייט דאווענען, לערנען, טוהן א מצווה וכו' קומט גלייך דער יצר הרע און זאגט איהם דו גייסט טוהן א דבר שבקדושה דו ביסט פול מיט זבל מיסט חיות רעות שלעכטע מדות , די תשובה פאר איהם איז גערעכט איך האב אין מיר אלע זאכן אבער איך בין אזוי ווי דער תיבת נח וואס האט אין זיך מיסט מיט חיות אבער יעדער האט זיין פלאץ אין אין זיין צימער מיט זיין שטאק ווי ער דארף צו זיין, ביסט גערעכט איך האב אין מיר אלע ענינים אבער יעדע זאך האט זיין פלאץ און יעצט אז איך געפון מיך אין די שטאק פון בית המדרש פון קדושה פון א דבר מצווה אנימיטן דאווענען האב איך נישט צוטהון מיט די אלע זאכן איך בין יעצט אין א צווייטע פלאץ אין א אנדערע שטאק נאכן דאווענען איך וועל ארובער גיין א אנדערע פלאץ צימער שטאק וועל איך מיך פארען אין מטפל זיין מיט די מיסט חיות רעות שלעכטע מידות און טבעים וואס זענען פאראן אין מיר אבער יעצט בין איך און אנדערע פלאץ אינגאנצן, אין אזוי קען א איד ארובער גיין זיין לעבן מיט א ריכטיגע בליק אויף זיין פריוואטע תיבת נח אפילו ער פארמאגט אין זיך חיות און זבל אבער דער רבש"ע גיבט איהם פונקטיליכע אנווייזונגען זיך נישט דערשרעקן יעדע זאך האט זיין מקום מסויים און פלאץ און די צייט צו מטפל זיין מיט יעדע זאך עקסטער און זיך נישט פארלירן ווען מען זאגט איהם האסט און דיר די חיות מיט אנדערע שלעכטע חלקים

זאל דער רבש"ע העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו זיין באשיצט פון די דרויסידיגע מבול מבול הגשמי און שטענדיג זיין דבוק ומקושר צו הקב"ה אין היילקייט אמן

## וואס איז די מבול בזמנינו - און וואס איז אונזער תיבת נח

אין פרשת נח, געפונען מיר א יסודי'שע זאך וואס קען אונז עפענען א בליק אין לעבן און א גרויסער מפתח אין גאנצן תורת החסידות.

ס'דא דא א מבול מיט א תיבה. פון אינדרויסן גייט א מבול, נישט קיין קליין מבול נאר א גרויסער מבול. אינעווייניג איז דא א תיבה. א וואו שטייען אונז? און וואס דארפן אונז טוהן יעדן טאג?

דער מבול איז היינט דא אויף די וועלט. מבואר אין אלע חסידי'שע ספרים א יסוד, אז בפרט היינט פאר ווען משיח וועט קומען וועט אראפקומען א מבול פון אפיקורסות.

דער הייליגער רוז'ינער זאגט מ'וועט זיך דארפן דראפען אויף די גלאטע ווענט. און ס'איז ידוע.

אבער די שאלה איז אוואו איז דער מבול?

דו ועסט עפענען א פענסטער און ארויסקוקן דו וועסט נישט זעהן קיין זכר פון קיין מבול. א וואו איז דער מבול?

די תשובה איז א פשוט'ע תשובה. און יעדער איינער קען זיך אין דעם מתבונן זיין.

ס'איז אין עולם המחשבה!

וועל איך דאס מסביר זיין.

אזוי ווי וואסער איז חיים לעולם. אן וויסער וואקסט נישט. אן וואסער איז נישטא צו טרינקען. אן וואסער איז א בחינת מיתה לעולם, און יעצט איז מען געשטאנען, הושענות, און שמחת תורה, און איבער געקערט א וועלט וועגן וואסער. אבער, ווען די וואסער גייט, במידה במשקל ובמשורה אזוי ווי ס'דארף זיין דעמאלסט איז די וואסער א ברכה.

אבער ווען ס'ווערט פון די וואסער צופיל, א פארפלייצונג, א מבול, ווערט אויכעט מיתה לעולם. ס'איז אויסגעמעקט די גאנצע בריאה. איך פארשטיי נישט, וואסער איז גוט צו נישט גוט?

די תשובה איז - יא. ס'איז זייער גוט. ווען ס'איז מיט זיין מאס.

דער וויסנשאפט פון דעם מענטש, דער מוח, דער כח הידיעה, איז א מורא'דיגער מפתח. וויל ווען מ'לערנט נישט אויס פאר מענטשן ווי אזוי צו ליינען וועט ער נישט קענען לערנען און דאווענען. מ'לערנט אים נישט אויס ווי צו עסן וועט ער נישט קענען עסן. אבער אלץ איז גוט און וואויל און פיין. די מינוט וואס דער מענטש הייבט אן באקומען אסאך ידיעות אין קאפ, וואס דאס איז מותרות, און באלד וועט מען זעהן אז ס'איז נישט נאר מותרות נאר ס'איז מזיק, און נאכדעם וועט מען נאך זעהן אז דער היזק קען גאר זיין נישט נאר דער עצם וויסנשאפט נאר דער זיין גאנצע אמונה קען ווערן צושאקלט, איז דאס שוין א חורבן.

איך וועל מסביר זיין:

ס'איז דא א באוואוסטע זאך, א מענטש מיז עסן. אן עסן וועט דער מענטש שטארבן. איז לייגט ער אריין אין מויל, און ס'גייט אריין אין זיין מאגן כך וכך עסן וואס דאס איז געזונט און דער כח העיכול ארבעט אויס, דער מאגן ארבעט אויס די עסן, און ער לעבט.

אבער אויב וועט א מענטש אריינלייגן צופיל ער וועט אן שטאפן זיין מויל, ער וועט צולייגן מער וויפיל ער דארף, איז אפילו דער חלק וואס ער דארף יא ווערט אויך ניזק. וויל די כלים קענען דאס נישט אויסארבעטן און מ'וועט עס רופן אזוי וי אין טריפות רופט מען דאס כל היתר כניטל דמי. ר"ל, ווען מ'זעהט אין א בריה, א באשעפעניש, וואס האט צוויי הערצער, איז ער א בעל מום אזוי ווי ער האט בכלל נישט קיין הארץ. וויל דער צו פיל נעמט צו אויך די גוטע.

יעצט, מענשטן דרייען זיך אין גאס, אין זיי האבן א פארפלייצונג פון ידיעות. מען הערט, מען זעהט, מען ליינט, און אזוי ווייטער, ס'איז ידוע די אלע ידיעות קומען נישט אן, די אלע וואס זיי לעבן אין נייעס אדער זיי הערן, איז אז איינער דערציילט פון א עקסידענט וואס האט פאסירט אדער יענער איז קראנק, ס'קומט נישט מיט א הקדמה. דער אויבערשטער האט צוגעפירט אז אין יענעם און יענעם פלאץ האבן זיך אנגעשטויסן צוויי קארס. קיינמאל קומט נישט דער אויבערשטער. ווען איינער וועט אין יעדן נייעס,ידיעה, סיפור קודם, אינמיטן און ביים סוף אריינלייגן דער אויבערשטער האט צוגעפירט אזוי, דער אויבערשטער האט צוגעפירט אזוי, וועט ער נישט קענען דערציילן נייעס און נישט קענען שרייבן נייעס. עד כדי כך, איך האב אמאל גערעדט מיט איינעם וואס ער ארבעט אין א בלאט וואס קומט ארויס יעדן טאג. און יענער בלאט הייסט די פרומסטע בלאט איך ווייס, אין יענע מדינה, אין יענע פלאץ. זאגט ער מיר, איך וועל דיר דערציילן א סוד, ווייסט וואס איז געווען מיין ארבעט? ס'רופט זיך אנטוהן קאפלאך. וואס הייסט דאס אנטוהן קאפלאך? ס'האט נישט געקענט ארויסגיין דער בלאט אן ס'זאל דורך גיין דורך מיר און איך האב געדארפט איבער קוקן אז יעדער בילד ווי מ'רופט עס זאל נישט זיין א מענטש אן א קאפל, און יעדער באשרייבונג זאל ערגעץ ווערן דערמנאט ביים סוף אדער ביים אנהויב עפעס האב איך געמוזט אריינרוקן דעם אויבערשטן, וויל די שרייבערס דערמאנען נישט בכלל דאס ווארט אויבערשטער, און ס'איז נישטא ר"ל איך וויל נישט ארויס זאגן פון מיין מויל. נו, נישט דאס איז דער נושא. און איך מיין ארבעט איז געווען אז ווען איינער שרייבט א גרויסע באשרייבונג זאל ערגעץ ווערן עפעס דערמאנט אז ס'איז דא אויבערשטער! צו בעז"ה ווערט ארויסקריכן, צו מ'דארף מתפלל זיין, צו... ער האט שוין געדארפט זוכן פון אונטערן די ערד ווי אזוי זאל ווערן דארט אריינגעשריבן אויבערשטער.

איז קומט אויס אז באמת די נארמאלע נייעס, אין די נארמאלע ידיעות, אין די נארמאלע זאכן וואס גייט אויף די וועלט ווערט נישט דערמאנט אויבערשטער. און דער עצם זאך וויסן צו פיל לייגט אוועק, יוסיף דעת יוסיף מכאוב. ס'ברענגט עצבות, ס'ברענגט אסאך נישט קיין גוטע זאכן.

דאס איז ארום דער מח. דאס איז דער מבול פון די וועלט. און דאס נעמט אונז צו די אמונה, און ס'איז א מבול פון אפיקורסות, און מ'מוטשעט זיך.

קומט דער הייליגער בעש"ט און די אלע חסידי'שע ספרים און שטעלן אוועק א יסוד וואס איז דאס.

די תיבה, ? צהר תעשה לתיבה, דער אוהל הבעש"ט און די אלע ?? וכל המסייע, אז ס'איז דא ערגעץ א תיבה. ס'רופט זיך די תיבות פון תורה און תפילה.

א איד, ער דאוונט, ער לערנט, קומט דער הייליגער בעש"ט און עפנט א וועלט, וואס איז די גרויסע וועלט וואס דער בעש"ט עפנט? ער לערנט אויס אז אין א ווארט, דו ווייסט וואס ליגט ווען דו זאגסט מלך, אדער העולם, אדער דער ווארט שהכל, אדער א הללוהו כל צבאיו, אדער יוצר אור ובורא חושך. אוי וואס דארטן טוהט זיך. גייסט אריין אין פיר עולמות. א גאנצע עבודה איז דא.

די ערשטע זאך מיט דיין מויל זאגסטו די ווערטער דאס איז אין עולם העשיה, ס'איז אויף די וועלט זאגסטו די ווערטער. און גייסט אריין אין די אותיות, גייסט אריין אין עולמות אין נשמות אין אלוקות, וויל ווען דו הערסט די ווערטער, דו זאגט עס מיטן גאנצן כח, גייסטו אריין פון עולם העשיה צו עולם היצירה. און דער תענוג רוחני פון דעם זאגן די ווערטער פון די תורה אדער תפילה ביסטו אריין אין דעם תענוג, ביסטו אין יצירה. טשעפעסט זיך אפ פון די גאנצע וועלט און גייסט אריין אין די מחשבה, ביסטו אין עולם הבריאה. און ווען דו קומסט אין א מצב פון אין, דו ביסט זיך אינגאנצן מבטל צום אויבערשטן, ביסטו אין אצילות. און אלע חסידי'שע ספרים קאכן ווי דער ברענען אין דער ווארט פון דאווענען, דער זיין ביי דעם דאווענען איז לאמיר עס אביסאלע פארשטיין. דאס איז דער טייטש זיך אפטשעפען פון דער מבול, פון אלע מחשבות, און אריינגיין אין דאווענען.

דרך אגב, אויף דעם דאוונען דארף מען אויכעט דאווענען. מ'דארף זיך אסאך בעטן ביים אויבערשטן זוכה זיין באמת צו נקודת התפילה. און גלייבן אין די ווערטער פון דאווענען, קאכן אין דער ווארט פון דאווענען, גלייבן אין די ווערטער פון תורה, און קאכן אין תורה, לעבן אין תורה. זיין באמת אריינגען בא אתה לתיבה, אריינגיין אין די תיבה, און ס'זאל זיין צהר תעשה לתיבה ס'זאל שיינען.

***פארוואס לויפן די מחשבות דווקא ביים דאווענען אדער לערנען ?***

בסדר. אבער ס'איז דא א מורא'דיגער פתרון פון דעם מבול, פון די אלע מחשבות וואס לויפט אונז נאך, און א מענטש וועט באמת זעהן אז ס'איז דא א עקסטערע מלחמה. ווען א מענטש שטעלט זיך דאווענען הייבט אים אן פליען מחשבות. עפעס א מאדנע זאך, ער איז געווען פארדעם אין גראסערי און געקויפט א מילאך, ארויף געטראגן אין שטוב, ס'איז אים נישט געפלויגן אזוי פיל מחשבות. און ער זעצט זיך נאר צום סידור, ער וויל דאווענען שמו"ע, ס'הייבט אן פליען.

איז כדי צו עס פארשטיין, נישט ח"ו אידן זענען נישט גוט, איך וועל אריינגעבן א יסוד ווי אזוי איז געווארן אונזער פראבלעם.

אונז וועלן זעהן, ווען אונז רעדן אסאך, און דער כח הדיבור איז זייער זייער ביליג, איז פארוואס זאל זיין א ערך אין א ווארט וואס אונז זאגן ביי א דאווענען?

ווען א מענטש וועט טראכטן, ווען מ'האדוועט א קינד און דער קינד האט שוין ארויס געזאגט איין ווארט, ער זאגט דעם ווארט מאמע, אדער דער ווארט טאטע, א גאנצע שמחה אין משפחה. ער זאגט א ווארט. ס'איז דאך א לאכעדיגע זאך, ס'איז דא דא צען קינדער אין שטוב, מיט א טאטע מיט א מאמע, זיי רעדן יעדן טאג מיליאנען ווערטער צוזאמען. און דער קינד האט געזאגט איין ווארט און ס'איז א גאנצע שמחה. פארוואס?

ווייל ער קען נישט און דארטן זעהט מען דעם שעצונג, אה. ער האט שוין א שכל צו קענען צאמשטעלן אותיות און זאגן א ווארט.

קומט אויס, אונז פארלירן דעם ערך פון א ווארט אין דאווענען ווען אונז דאווענען טויזנט ווערטער ביי דעם דאווענען. נישט נאר טויזנט נאר הונדערט טויזנט ווערטער זאגט מען ביי א דאווענען. איז די אנדערע ווערטער מעקט אויס דעם אנדערן ווארט.

אבער ווען א איד וואלט געכאפט, און באמת איינגעקאכט וואס דער הייליגער בעש"ט לערנט אונז אויס, וואס האט דער ווארט אתה מיטן ברוך פון פריער, מיט ה' פון שפעטער. ריכטיג אין פשוט כוונה פשוטה, אין כוונת הדברים איז א וודאי איז צירוף די ברכה. אמת. אבער די הייליגקייט און די חשיבות פון דעם ווארט אתה, אדער העולם, אדער בדברו. דער בדברו איז פאר זיך א ווארט. און דער יוצר אור, ריכטיג צוזאמען איז יוצר אור. אבער דער יוצר איז יוצר און דער אור איז אור. ווען א מענטש וועט קאכן, און נאך מער קאכן, די חשיבות פון יעדן ווארט, די ערשטע זאך וועט עס נישט זיין ביליג. שנית, ער וועט מחשיב זיין יעדן ווארט און קענען אריינגיין אין די ווערטער פון דעם דאווענען. זיך קענען קאנצענטרירן און צדיקים האבן געקענט בלייבן שטעקן עפעס איז איין פסוק א האלבע שעה. זיי האבן געברענט. און א פרעמדער וואס ער איז אריינגעקומען האט זיך געוואונדערט וואס קאכט ער דארט? ס'איז נישט עפעס אזא פסוק וואס רעדט פון פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון, עיני כל עיניך ישברו ואתה נותן להם את אכלם בעתו. ער רעדט עפעס פון די גאנצע בריאה. עפעס א פסוק וואס רעדט אפילו נישט פון די גאנצע בריאה. נאר עפעס א שטיקל דארטן. און דער מענטש ווייסט נישט וואס פונקט... וואס ברענט דא? אבער ווען איינער באמת ווייסט אז יעדער ווארט קען מען אריינגיין אין דעם און ס'בויעט זיך וועלטן, און ער קריכט ארויס פון דעם מבול פון די וועלט, וואס א מתיקות וועט ער שפירן, עס ווערט געברענגט פון בעל שם אז א איד וואלט געוואלט אויסגיין פון די וועלט נאך א דאווענען פון אזא מתיקות פון דאווענען פון די דביקות פון דאווענען. ס'קוקט אויס עפעס א מורא'דיגע ווארט. אבער ווען מ'וועט קאכן וועט מען אנהויבן עפעס פארשטיין, אז א מענטש קען אריינגיין אין א ווארט פון דאווענען און ס'איז אים געשמאק. די זאך איז נאר אונז דארפן אויפקאכן די חשיבות פון יעדן ווארט פון דאווענען. די חשיבות פון זיך ארויסגיין פון דעם מבול פון די וועלט וואס לייגט אונז נאכאנאנד אוועק. ס'זאל אונז נישט זיין חשוב. א מענטש קומט אמאל צו א דאווענען, נאך אריינקוקן אין א בלאט, אדער זעהן אביסל נייעס, דער איד קען שוין נישט דאווענען. ווייל ער האט אריינגעשטעקט ביידע פיס מיט ביידע הענט מיט די קאפ מיט די אויגן מיט די גאנצע מחשבה אין דעם מבול, יעצט גיי קריך ארויס פון דעם מבול. וועגן דעם שטייט מ'זאל נישט רעדן פארן דאווענען, נישט מתעסק זיין בעסקיו, די אלע זאכן. די מינוט וואס דו שטעקסט אריין דיין ראשו ורובו ושלחנו אין דעם עולם הזה ביסטו דאך געגאנגען פונקט פארקערט פון די תיבה. האסט אריינגעקראכן אין דעם מבול אליין, יעצט איז דיר צען מאל שווערער. ווען איינער שטייט אויף פון בעט, און ער זאגט איך ריר נישט אן מיין טלפון ביזן דאווענען. ביז נאכן דאווענען ריר איך נישט אן דעם טלפון. ער וועט האבן א אנדער דאווענען. דער עצם אנרירן דער טלפון און זעהן אז ער האט דארטן כך וכך מענטשן האבן אים געזוכט, צו די היינטיגע וועלט איז כך וכך הודעות האט ער באקומען, און כך וכך זאכן איז דא. די עצם נומער, שטייט פינעף אין פופציג הודעות, אפילו ער האט עס נישט געעפנט, ער האט שוין נישט דעם זעלבן דאווענען. ווייל ס'ווארט אים פינעף אין פופציג הודעות. ער האט שוין אריין אין מבול, ער האט שוין אריינגעשטעקט ביידע פיס אין מבול.

א איד דארף קענען, מיט אלע כוחות, נעמען און מאכן אלע גדרים און סייגים אז לכל הפחות פארן דאווענען שחרית, טאמער ער קען, מיט א מסירות נפש, נישט אריינגיין אין דעם מבול - וועט ער באקומען אזא מתיקות אין דאווענען. ער וועט קענען באמת דאווענען, און דאס וועט אים געבן חיות פאר א גאנצן טאג ווען ער רירט יא אן דעם מבול אז ער זאל נישט אריינשטעקן ביידע פיס און אריינגיין אין דעם מבול.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן אונז זאלן באמת באקומען סיי דעם צהר תעשה לתיבה, אין דעם כח התפילה וואס די חסידי'שע ספרים, אלע חסידי'שע ספרים קאכן, און סיי באמת באמת ניצל ווערן יעדער מינוט וואס מ'ווערט ניצל פון דעם מבול ווערט מען ניצל פון די אפיקורסות. ווי די צדיקים האבן געזאגט.

**טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'**


**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**



להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל': 050-417-0448**



## א פרייליכע מעלדונג

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488**

**הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**